# לאמיר רעדן וועגן אייך

פאַרטנער סערוויסעס

אויב מען האט אייך געזאגט אז איר האט א געשלעכטליך איבערגעגעבענע אנצינדונג (STI) און/אדער יומען אימיונאדעפישענסי ווירוס (HIV), וועט אייער העלט קעיר פראווײדער און עמיצער פון די העלט דעפארטמענט'ס (New York Department of Health, NYSDOH) פארטנער סערוויסעס פראגראם רעדן מיט אייך וועגן אריבערפירן קראנקהייט און וויאזוי דאס צו פארמיידן. זיי וועלן אייך פרעגן איבער אייערע געשלעכטליכע פארטנערס, וועלכע זענען מעגליך געווען אויסגעשטעלט צום אנצינדונג. אויב איר נוצט דראגס, וועט מען אייך פרעגן וועגן מיטטיילן נאדלען און פארטנערס אן קריטיקירן אדער באשולדיגן.

## וואס איז פארטנער סערוויסעס (Partner Services, PS)?

פארטנער סערוויסעס איז אן אומזיסטע, געהיימע, און פרייוויליגע NYSDOH פראגראם וואס העלפט ארויס מיט פארבינדן מענטשן דיאגנאזירט מיט STI'ס און/אדער HIV, און זייערע פארטנערס צו ווערן איבערגעקוקט, באהאנדלט, באקומען מעדיצינישע קעיר, מיטלען דאס צו פארמיידן, און/אדער אנדערע פאסיגע שטיצע סערוויסעס צו פארבעסערן זייער געזונטהייט אויספיר און פארמינערן די געפאר פון עס ווייטער איבערגעבן. פארטנער סערוויסעס שטאב ארבעטן מיט מענטשן וואס זענען דיאגנאזירט מיט סיפיליס, גאנאריע, קלאמידיע, מפאקס (אמאל באקאנט אלס מאנקיפאקס), HIV, און/אדער אנדערע ערהאלטענע אימיונאדעפישענסי סינדראם (Acquired Immunodeficiency Syndrome, AIDS). פארטנער סערוויסעס שטאב קענען צושטעלן שטיצע, אויסארבעטן רעפערלס פאר פאציענט/פארטנער קראנקהייט סקרינינג און באהאנדלונג, און צושטעלן אינפארמאציע איבער וויאזוי צו באשיצן זיך און אייער געשלעכט און/אדער נאדל-מיטטיילן פארטנערס פון ווערן אנגעשטעקט.

## פארוואס זאל איך אנטייל נעמען?

געוואר ווערן אז איר האט א STI און/אדער HIV קען זיין שווער. טייל מענטשן קענען שפירן אויפגערעגט, דערשראקן, אדער פארשעמט. באשליסן וויאזוי צו זאגן פאר אייערע פארטנערס איז נאך א פראבלעם וואס איר קענט האבן וואס קען אויך זיין שווער. טייל מענטשן זענען נישט באקוועם צו רעדן וועגן זייער געשלעכטליכע לעבן אדער דראג באנוץ. פונדעסטוועגן, ווען איר האט א STI און/אדער HIV, איז זייער וויכטיג צו רעדן מיט פארטנער סערוויסעס ווייל זיי קענען אייך העלפן לאזן וויסן אייער פארטנערס אויף א שטילע, פריוואטע און געהיימע אופן. ווען מענטשן ווייסן אז זיי זענען מעגליך געווען אויסגעשטעלט צו אן אינפעקציע און ווערן אונטערזוכט און באהאנדלט, העלפט עס פארמינערן דאס פארשפרייטן פון קראנקהייט און מוטיגט געזונטהייט אין די קאמיוניטי.

## איר קענט זיך פרעגן, "פארוואס זאל עס מיר אנגיין?"

- אויסער די מעגליכקייט אז איר קענט ווערן נאכאמאל אינפעקטירט, קענען אנדערע מענטשן וואס האבן געשלעכטליכע באציאונגען מיט אייער פארטנערס, אדער וועלכע טיילן מיט נאדלען/דראג איינשפריץ געצייג מיט זיי, אויך ווערן אנגעשטעקט. אויב אייער פארטנער ווערט נישט באהאנדלט, קען דער קראנקהייט ווערן פארשפרייט צו אנדערע מענטשן, און קען אפילו ווערן געגעבן פון א מאמע צו איר קינד דורכאויס א שוואנגערשאפט אדער ביים געבורט.
- טייל STI'ס האבן נישט קיין סימפטאמען אבער קענען אנמאכן ערנסטע לאנג-טערמיניגע געזונטהייט פראבלעמען אויב זיי ווערן נישט באהאנדלט. HIV סימפטאמען קענען בלייבן באהאלטן פאר אסאך יאר. פריע STI און/אדער HIV דיאגנאז און באהאנדלונג קען מיינען א לענגערע און געזונטערע לעבן.
- נאך די ערשטע שאק, זענען פיל מענטשן וואס פארבינדן זיך מיט פארטנער סערוויסעס צופרידן אז מען האט זיי געזאגט אז זיי זענען מעגליך געווען אויסגעשטעלט צו אן אינפעקציע. זיי קענען באקומען טעסטס, באהאנדלונג, און אנדערע סערוויסעס, און קעיר נעמען פון זיך צו פארמיידן דאס פארשפרייטונג פון אינפעקציע צו אנדערע אינעם קאמיוניטי.
- אויב איר האט א STI און/אדער HIV, קענט איר רעדן מיט פארטנער סערוויסעס יעצט און איר קענט זיך פארבינדן מיט זיי אינעם צוקונפט אויב איר האט נייע פארטנערס וואס דארפן געזאגט ווערן וועגן מעגליכע אויסגעשטעלטקייט.

**"איך בין געווען שאקירט און צוטראגן ווען די העלט דעפארטמענט איז געקומען צו מיין טיר, אבער איך האב זיך געשטארקט איבער מיין בושה און זיך געלאזט טעסטן. איך וועל קיינמאל נישט וויסן ווער ס'האט זיי געגעבן מיין נאמען אבער איך בין יענעם דאנקבאר דערפאר."**

# סאַרט פאַרטנער סערוויסעס הילף:

- **אַנאַנימע דריטע-פּאַרטיי מעלדונג**
  איינער פונעם העלט דעפּאַרטמענט מעלדט אייער פאַרטנערס וועגן אויסגעשטעלטקייט צו א STI/HIV נוצנדיג די אינפאַרמאַציע וואָס איר שטעלט צו. דריטע פּאַרטיי מעלדונג (Third-Party Notification) קען אויך ווערן געמאַכט דורך די אינטערנעט און/אדער סאָושעל מידיע עפּפּס דורך פאַרטנער סערוויסעס שטאַב. אייער נאָמען אין אידענטיטעט ווערן קיינמאָל נישט מיטגעטיילט מיט אייערע פאַרטנערס. זיי וועלן נאָר וויסן אַז זיי זענען געווען אויסגעשטעלט צו א STI און/אדער HIV, און זיי וועלן באַקומען אַפּציעס פאַר טעסטינג און באַהאַנדלונג פאַר'ן זיין אויסגעשטעלט צו קראַנקהייט.

- **מעלדן צוזאַמען**
  איר מעלדט אייער פאַרטנער מיט די הילף פון פאַרטנער סערוויסעס שטאַב. פאַרטנער סערוויסעס וועט זיין מיט אייך דורכאויס די גאַנצע פּראָצעדור און קען ענטפערן אייער פאַרטנער'ס פראַגעס. דער מיטל קען זיין זייער ווירקזאַם, וויבאַלד עס קען זיין אַז איר האָט נישט אַלע פאַקטן אדער אינפאַרמאַציע איבער די מעגליכע אויסגעשטעלטקייט צו קענען פירן אייער פאַרטנער צו טעסטינג און באַהאַנדלונג אַפּציעס.

- **מעלדן אַליינס**
  איר מעלדט פאַר אייערע פאַרטנערס און מוטיגט זיי צו ווערן גע'טעסט און באַקומען באַהאַנדלונג סערוויסעס. פאַרטנער סערוויסעס וועט אייך העלפן פּלאַנען און אויספּרובירן וואָס איר וועט זאָגן. טייל מענטשן ווילן דעם מעטאָד אבער עס באַשיצט נישט אייער אידענטיטעט. איר קענט זיך דאַרפן ספּראַווען מיט די נעגאַטיווע רעאַקציעס פון אייער פאַרטנערס ווען איר מעלדט אַליין. כאָטש איר קענט מיינען גוטס מיט אייער ווילן צו דאָס אַליינס מעלדן, קענען זאַכן פּאַסירן; דער צייט קען זיין נישט ריכטיג; איר וועט מעגליך מער נישט זען יענע פאַרטנער; אדער ווען איר זעט זיי יאָ, קענט איר נישט געפינען די פּאַסיגע ווערטער. אויב איר קענט נישט אויספּירן אַליינס דאָס צו מעלדן, קענט איר און פאַרטנער סערוויסעס איבערגיין דעם פּלאַן און זיי קענען זיך פאַרבינדן מיט די פאַרטנערס פאַר אייך.

> **"איך האָב אים געוואָלט זאָגן... אבער איך בין געוואָרן צו נערוועז און איך האָב פּשוט נישט געקענט."**

# מיר שפּילן אַלע א ראָלע אין אויסראָטן STI/HIV.

פאַרטנער סערוויסעס קען אייך העלפן. פאַרבינדט זיך מיט די ניו יאָרק סטעיט העלט דעפּאַרטמענט פאַרטנער סערוויסעס פּראָגראַם (New York State Health Department Partner Services Program):

| | |
|---|---|
| Long Island ראַיאָן | 1-800-462-6786 |
| New Rochelle ראַיאָן | 1-800-828-0064 |
| Capital District ראַיאָן | 1-800-962-5065 |
| Central New York ראַיאָן | 1-800-562-9423 |
| Rochester ראַיאָן | 1-800-962-5063 |
| Buffalo ראַיאָן | 1-800-962-5064 |

אָרטיגע העלט דעפּאַרטמענט טעלעפאָן נומערן און נאָך אינפאַרמאַציע קען מען טרעפן אויף health.ny.gov/partnerservices.